# חוט-של-חסד

## לכבוד חוה טורניאַנסקי




מרכז זלמן שזר

המרכז לחקר תולדות יהודי פולין ותרבותם
האוניברסיטה העברית בירושלים

# חוט־של־חסד

## לכבוד חוה טורני׳אַנסקי

# חוט־של־חסד

## לכּבֿוד חוה טורניאַנסקי

רעדאַקציע

ישׂראל ברטל, גלית חזן־רוקם, עריקאַ טים, קלאַודיאַ ראָזנצווייַג,
עדה רפפורט־אלברט, וויקי שיפּריס


מרכז זלמן שזר
לחקר תולדות העם היהודי
ירושלים

המרכז לחקר תולדות
יהודי פולין ותרבותם
האוניברסיטה העברית בירושלים

המערכת המדעית
פרופ׳ יוסף הקר (יו״ר), פרופ׳ דוד אסף, פרופ׳ אלימלך הורוביץ, פרופ׳ יפעת וייס,
מר צבי יקותיאל, פרופ׳ גדעון פוקס, פרופ׳ אמנון רז־קרקוצקין
מרכזת המערכת: מעין אבינרי־רבהון

עריכה לשונית (אנגלית): שרון אסף
מרכזת הספר: טליה יקיר
הפקה והבאה לדפוס: יחזקאל חובב

ספר זה יוצא לאור בסיוע
משרד התרבות והספורט – מינהל התרבות והאמנויות
בית שלום עליכם

איור העטיפה מתוך: סדר ברכת המזון, תפ״ח, כתב יד,
The Royal Library, Copenhagen, Cod. Heb. XXXII

מסת״ב 978–965–227–304–8
מספר קטלוגי 185–631
© כל הזכויות שמורות למרכז זלמן שזר לחקר תולדות העם היהודי, ולמרכז לחקר
תולדות יהודי פולין ותרבותם, האוניברסיטה העברית בירושלים, תשע״ג
אין להעתיק או להפיץ ספר זה או קטעים ממנו, בשום צורה ובשום אופן, אלקטרוני או
מכני, לרבות צילום או הקלטה, ללא קבלת אישור בכתב מהמוציא לאור.
סדר ועימוד: מרכז זלמן שזר
לוחות: מכון האופסט שלמה נתן; הדפסה: דפוס גרפית בע״מ
כולם בירושלים



# תוכן העניינים


| | | |
|---|---|---|
| די רעדאַקציע | הקדמה | יא |
| אַנאַ מאַריאַ באַבי | די לעזערין פֿון Paris et Vienne | יז |
| חיהלע ביר | אַ שטיל קעצל מיט שאַרפֿע נעגל: וועגן רחל אויערבאַכס זשורנאַליזם | כה |
| משה טאַובע | כמו־סובאָרדינאַציע אין ייִדיש: נאַראַטיווע אַז־זאַצן | לז |
| שמעון נויבערג | אַ בינטל ראָמאַניזמען | מז |
| מיכאל קרוטיקאָוו | אַ פֿרעמדער אין דער פֿרעמד: דרײַ בריוו פֿון מאיר ווינער צו מלך ראַוויטש | סג |
| דוד־הירש ראָסקעס | די שפּראַך פֿון דרך־הס"ם: ווי דער שׂטן רעדט אויף ייִדיש | סט |
| וואַלטער רעל | אַ ייִדיש־גלאָסאַר אין לאַטײַנישער שריפֿט פֿון אַרום ר"ס/1500 | פּז |

| | | |
|---|---|---|
| | Preface | 9* |
| Hans Peter Althaus | Ein Theaterabend im Jahr 1921. Arthur Koestler und das Jiddische | 11* |
| Marion Aptroot | *Diskursn vegen di naye kille be-Amsterdam*. More Polemical Pamphlets from Amsterdam (1797) | 25* |
| David M. Bunis | "Whole Hebrew": A Revised Definition | 37* |
| Naftali Loewenthal | From "'Ladies' Auxiliary" to "Shluhot Network": Women's Activisim in Twentieth-Century HABAD | 69* |
| Maria L. Mayer Modena | Yiddish Elements in Judeo-Italian | 95* |
| Agnes Romer Segal | *Seder Mitzvos ha-Noshim* and its Place in Early Yiddish Narrative Literature | 111* |

| | | |
|---|---|---|
| Erika Timm | Early Yiddish Prayers for Travelers: On the Migration of Yiddish Customs from Southern Germany to Northern Italy | 121* |
| | List of Contributors | 145* |


## תוכן העניינים של הכרך הראשון

| | | |
|---|---|---|
| המערכת | לחוה טורניאנסקי – חוט של חן | 11 |
| יעקב אלבוים | קב הישר: קצת דברים על מבנהו, על ענייניו ועל מקורותיו | 15 |
| נגה רובין | 'ספר לב טוב' לר' יצחק בן אליקום מפוזנא: ספר מוסר אשכנזי | 65 |
| אבריאל בר־לבב | בלשון כפליים: בין עולם הטקסטים הרבניים (בעברית) לעולם הקוראים (ביידיש) אצל רבי שמעון פרנקפורט מאמשטרדם | 95 |
| אלחנן ריינר | דרשן נודד מדפיס את ספריו: פרק עלום בתולדות התרבות העברית באירופה במאה השבע עשרה | 123 |
| שלמה ברגר | חיים בן יעקב הנקרא חיים דרוקר: בחור זעצער, עורך ומדפיס באמסטרדם | 157 |
| שלהבת דותן־אופיר | למי הופנו שני חיבוריו של ר' יעקב בר' יצחק מיאנוב, ה'צאינה וראינה' וה'מליץ יושר'? | 181 |
| ישראל ברטל | אהבת ספרים: ג'רמי בנת'ם ור' שמשון בן מרדכי מסלונים | 207 |
| עמנואל אטקס | ה'חצר' החסידית בשלביה הראשונים | 227 |
| דוד אסף | 'נפגשו על ידי איזה התווכחות': מסורות זיכרון פולמוסי על פגישתם של ריב"ל והרבי מאפטה | 247 |
| מיכל אורון | סיפורו של ר' יוסף דילה ריינה וגלגוליו בספרות העברית החדשה | 271 |
| שמואל ורסס | תבניות אינטר־טקסטואליות של תפילות ישראל ביצירותיו של מנדלי מוכר ספרים | 295 |

| | | |
|---|---|---|
| נורית אורחן | ׳דאָס זענען אַלץ דײַנע ביכלעך שולדיק. פֿאַרברענט זאָלן זיי ווערן!׳ [בכל זה אשמים הספרים שלך. שיישרפו!] | 321 |
| נתן כהן | ׳אַ ייִדענע מיט אַ מאַנסבילשן קאָפּ׳: קווים לדמותה של הרבנית בת־שבע זינגר | 335 |
| משה רוסמן | נשים: סטראוטיפים ודעות קדומות | 351 |
| שאול שטמפפר | האם המשפחה היהודית המסורתית במזרח־אירופה בדורות האחרונים הייתה פטריארכאלית? | 359 |
| עדה רפפורט־אלברט | גליקל האמל כאלמנה | 379 |
| גלית חזן־רוקם | אנדרוגינוס ודו־פרצופין: פתיחה לדיון על יצירת הוולד, על ההיריון ועל הלידה בדמיונם של חז״ל על פי ויקרא רבה יד | 393 |
| אסתר יוהס | לוח ׳שויתי׳ במרחב האשכנזי | 423 |
| יהושע גרנט | ׳אויף מאָרגן נאָך יום־טובֿ׳: בעקבות הדיהן היידיים של לשונות פיוט | 471 |
| מיכאל לוקין | על הפריפעטשיק של שיר־עם לירי מסורתי | 511 |
| דלית ברמן | עברית ו׳עברית׳: כתיבן של מילים עבריות בשבועון החרדי ׳דאס אידישע ליכט׳ | 539 |
| קלאודיה רוזנצווייג | כתבי חוה טורניאנסקי 1965–2012 | 551 |
| | המשתתפים בקובץ | 560 |

# הקדמה

מִלִּים של אִמִּי / חוּט שֶׁל חֵן / חוּט שֶׁל חֶסֶד / מָשׁוּךְ הָיָה עֲלֵיהֶן / כּוֹרְכָן לְמַנְגִּינָה / מְכֻנֶּסֶת

(אמנון שמוש, פרוכת)

[דער מאַמעס לשון – / אַ פֿאָדעם פֿון חן / אַ פֿאָדעם פֿון חסד / איבער אירע ווערטער פֿאַרצויגן / זיי צונויפֿגעבונדן אין איין ניגון / אַ געזאַמלטן]

(אַמנון שמוש, פּרוכת)

אינעם 'ווערטערבוך פֿון לשון־קודש־שטאַמיקע ווערטער אין ייִדיש'[1] איז חסד טײַטש טובֿה, גענאָד, און חן איז שיינקייט; סימפּאַטיע, רייץ; גענאָד, לײַטזעליקייט. אויך אין 'דעם אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך' שטייען חן, לײַטזעליקייט און גענאָד לעבן אַנאַנדער. לויטן 'אוצר' קען מען האָבן, אַז מע וויל, דעם זיבעטן חן צי גאָר טויזנט חנען, אַ ים מיט חנען און אַפֿילו **אסתּר המלכּהס חן**. ווײַזט אויס אַז דער פֿאָדעם פֿון חן ציט זיך טאַקע נאָך פֿון אסתּר המלכּהן וואָס 'האָט נושׂא־חן געווען אין די אויגן פֿון אַלע וואָס האָבן זי געזען' (אין יהואשעס איבערזעצונג, מגילת־אסתּר ב 15). חכמינו זכרונם לבֿרכה, רעדנדיק וועגן אסתּרס חן, וועגן איר רייץ, האָבן געזאָגט אַז אסתּר איז אַ גרינע געווען און אַ חוט־של־חסד האָט זיך געצויגן אויף איר (בבֿלי, מגילה יג ע"א). נישט אומזיסט האָט אַחשוורוש 'ליב געקריגן אסתּרן מער פֿון אַלע ווײַבער, און זי האָט געקריגן בײַ אים חן און לײַטזעליקייט מער פֿון אַלע יונגפֿרויען' (מגילת־אסתּר ב 17).[2] חז"ל האָבן אויך געזאָגט אַז ווער עס לערנט תּורה אויף דער וועלט ציט אויף אים הקדוש־ברוך־הוא אַ חוט־של־חסד אויף יענער וועלט (חגיגה י"ב ע"ב), און דער 'קבֿ־הישר' (אין קאַפּיטל ע"ג) פֿאַרטײַטשט און גיט צו אַז 'אַ חוט־של־חסד ווערט אַרויפֿגעצויגן אויף די מענטשן וואָס לערנען תּורה בײַ נאַכט'.

דער העברעיִשער באַנד פֿונעם יובֿל־בוך לכּבֿוד פּראָפֿעסאָר חוה טורניאַנסקי הייסט 'חוט של חן'. פֿון די ערשטע וואָס האָבן זיך באַניצט מיט דעם אויסדרוק – וואָס מע

1 יצחק ניבאָרסקי, ווערטערבוך פֿון לשון־קודש־שטאַמיקע ווערטער אין ייִדיש, דריטע אויסגעברייטערטע אויפֿלאַגע, צונויפֿגעשטעלט מיט דער מיטהילף פֿון ש. נויבערג, א. ניבאָרסקי, און ב. קריניצקאַ, פּאַריז 2012.

2 פֿגל' למשל יהואשעס איבערזעצונג פֿון תּהילים קט 12; וועגן דעם וואָרט 'לײַטזעליקייט' זען E. Timm, G. Beckmann, *Historische jiddische Semantik*, Tübingen 2005, pp. 375–377

האָט מחדש געווען לויט דעם תּלמודישן 'חוט של חסד' – איז געווען מענדעלע מוכר־ספֿרים. אין דער מעשׂה 'דאָס תּוספֿות־יום־טובֿ־קעלבל' באַשרײַבט מענדעלעס העלד, דאָס חדר־ייִנגל, מיט דעם 'חוט של חן' די גרינע נאַטור מיט איר שיינקייט און רייץ.[3] דאָס ציט אָבער מענדעלע דער משׂכּיל מיט זײַן קריטישער פֿעדער דעם פֿאָדעם פֿון חן אויף דער נאַטור וואָס שטייט אין גאַנצן אין סתּירה מיטן בית־מדרש, מיט דער אַשכּנזישער קולטור אין דער פֿריִער נײַצײַט.

דעם 'חוט־של־חסד' – ווי עס הייסט דער צווייטער באַנד, וואָס אַנטהאַלט אַרטיקלען אויף ייִדיש, ענגליש, און דײַטש – געפֿינען מיר אָבער בײַ אַן אַנדער צווייִשפּראַכיקן קלאַסיקער, בײַ יצחק־לייבוש פּרצן. אין אַ פֿעליעטאָן – 'אַן אַלטע געשיכטע' איז זײַן טיטל – דערציילט דער מחבר ווי ער קלײַבט אויס די טעמעס פֿאַר 'זײַן ווינקעלע' אין דער צײַטונג: ער שרײַבט שטענדיק זיצנדיק קעגן איבער אַ שפּיגל, זעט ער אַז זײַן פּנים ענדערט זיך, איז ער זיכער אַז די טעמע איז גוט צום שרײַבן דערוועגן. און אַ מאָל בײַם דורכבלעטערן די צײַטונגען וואַרפֿט ער אַן אויג צום שפּיגל: 'אויסגעלויטערט האָט זיך מײַן פּנים, אַ פֿאָדעם פֿון חסד לייגט זיך דערויף, ווי אַ רעגן־בויגן איבער אַ פֿאַרכמאַרעטן הימל...' אָבער אַז ער לייענט ווײַטער און טוט 'אַ בליק צום שפּיגל: דער רעגן־בויגן, דער חוט־של־חסד לעשט זיך...'.[4]

דאָס נײַע העברעיִשע 'באַשעפֿעניש' 'חוט של חן' וואָס מענדעלע, דער קינסטלער פֿון צווייִשפּראַכיקייט, האָט געניצט, און דער אַלטער לשון־קודשדיקער אויסדרוק 'חוט־של־חסד', וואָס אַן אַנדער צווייִשפּראַכיקער קינסטלער ניצט אויף ס'נײַ אין אַנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, פּאַסן זיך זייער צו דעם נאָמען, צו דער געשטאַלט, דער טבֿע און צו די ווערק פֿון דער בעל־יובֿלטע. ראשית, ווײַל חו"ט איז דאָך ראָשי־תּיבֿות פֿונעם נאָמען חוה טורניאַנסקי. שנית, אין די טיטלען איןביידע שפּראַכן איז דאָ אַן אָנצוהערעניש אויף דעם צונויפֿגאָס פֿון חן מיט חסד, פֿון די גוטע מעלות וואָס געפֿינען חן און לײַטזעליקייט אין אַלעמענס אויגן, מיט תּורה און געלערנטקייט. והשלישית, די צווייִשפּראַכיקע פֿעדעמער פֿון חן און חסד ציִען זיך פֿונעם מדרש וועגן דער אויסערגעוויינטלעכער פֿרוי, דורך תּנך־איבערזעצונגען, ביז דעם משׂכּילישן דיסקורס און דער ייִדישער מאָדערנער ליטעראַטור. זייער וועג שפּיגלט זיך אָפּ אין פּראָפֿעסאָר טורניאַנסקיס פֿאָרשונג, וואָס באַהאַנדלט די איבערבײַטן אין די קולטור־שפּראַכן פֿון ייִדן און דעם אָנטייל פֿון ייִדישע פֿרויען אין דער אָ קולטור אין משך פֿון דורות. די איבערבײַטן האָבן מיטגעפֿירט אַ ירושה, אַ פֿאַרצײַטישע און אַ פֿיל־

3 'עגלתו של תוספות יום טוב', כל כתבי מנדלי מוכר ספרים, תל אביב תשי"ד, עמ' שנח. אין דעם ייִדישן נוסח פֿון דער מעשׂה איז דער זאַץ גאָר ניטאָ! זע: אַלע ווערק פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרים, 15, וואַרשע 1928, ז' 54.

4 'אַן אַלטע געשיכטע', אַלע ווערק פֿון י"ל פּרץ, 9, ניו־יאָרק 1947, ז' 250.

פּנימדיקע, אויף נײַע וועגן וואָס די אָבֿות – טאַטעס און מאַמעס – פֿון אַשכּנזישע ייִדן האָבן זיך גאָר ניט געהאַט פֿאַרגעשטעלט.

בײַם אָנרופֿן דעם ייִדישן באַנד 'חוט־של־חסד', פֿאַררופֿן מיר זיך אויף אַ טראַדיציע, אַן אײַנגעוואָרצלטער אין דער צווייִשפּראַכיקער ייִדישער קולטור, פֿון לשון־קודשדיקע נעמען פֿאַר ייִדישע ספֿרים, ווי אַ שטייגער 'סדר־מיצוות־הנשים', 'לבֿ־טובֿ', 'קבֿ־הישר', 'צאינה־וראינה' און אַ סך אַנדערע.

דאָס צווייבענדיקע יובֿל־בוך, 'חוט של חן' און 'חוט־של־חסד – לכּבֿוד חוה טורניאַנסקי' האָבן פֿאַרטראַכט תּלמידות און תּלמידים, מיטאַרבעטער און פֿרײַנד פֿון דער בעל־יובֿלטע. די בענד זײַנען געווידמעט חוהן, אַ טײַערער און באַליבטער קאָלעגין, אַ פּרוי מלא־חן, אַ דערפֿאָלגרײַכער פֿאָרשערין און אויסגעצייכנטער לערערקע וואָס קנעלט מיט אירע תּלמידים מיט אַזוי פֿיל הומאָר און לײַטזעליקייט, אַ מתּנה צו איר פֿינף און זיבעציקסטן געבוירן־טאָג, ביז הונדערט און צוואַנציק.

חוה טורניאַנסקי איז געבאָרן געוואָרן אין מעקסיקע, און אויפֿגעוואַקסן אין אַ שטוב אײַנגעזאַפּט מיט ייִדיש און מיט דער מיזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישער קולטור. אין 'די ייִדישע שול אין מעקסיקע', ווו זי האָט זיך געלערנט, האָט מען שטודירט די אַלגעמיינע לימודים אויף שפּאַניש, און די ייִדישע – אויף ייִדיש און העברעיִש. זי האָט עולה געווען מיט העכער פֿופֿציק יאָר צוריק און זיך געלערנט ייִדיש און ייִדישע געשיכטע אין דעם העברעיִשן אוניווערסיטעט בײַ די גרעסטע פֿאָרשערס פֿון דער ייִדיש־אַשכּנזישער קולטור, בתוכם דבֿ סדן, חנא שמערוק און שמואל ווערסעס עליהם־השלום. אין דער דיסערטאַציע וואָס זי האָט געשריבן אין די יאָרן 1967–1973 האָט חוה טורניאַנסקי באַהאַנדלט די צווייִשפּראַכיקע ליטעראַטור – אויף אַלטייִדיש און לשון־קודש – פֿון ייִדן אין אַשכּנז אין דער פֿריִער נײַצײַט. אין משך פֿון אַ פֿופֿציק יאָר האָט פּראָפֿעסאָר טורניאַנסקי געלערנט אין דעם ייִדישן אָפּטייל פֿון העברעיִשן אוניוועסיטעט אין ירושלים – און ניט איין מאָל געשטאַנען בראָש פֿונעם אָפּטייל – און אויסגעשולט אַ סך סטודענטן און פֿאַרשערס פֿון ייִדיש און ייִדישער ליטעראַטור. פֿאַר דער מאָנומענטאַלער עדיציע און איבערזעצונג פֿון גליקל האַמלס זכרונות[5] האָט פּראָפֿעסאָר טורניאַנסקי באַקומען אין יאָר 2006 דעם 'פּרס ביאַליק' (די ביאַליק־פּרעמיע). אין יאָר 2007 האָט מען זי דערווײַלט צו זײַן אַ מיטגליד אין 'די ישׂראלדיקע נאַציאָנאַלע וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע'.

הײַיאָר, ס'הײַסט אין יאָר 'תּשָׂא חֶסֶד' לפ"ק (2013), באַקומט פּראָפֿעסאָר חוה טורניאַנסקי דעם פּרעסטיזשפֿולן 'פּרס ישׂראל' (ישׂראל־פּרעמיע) פֿאַר 'איר פֿאָרשערישן אויפֿטו וועלכער שפּרייט זיך איבער דער גאַנצער אַשכּנזיש־ייִדישער וועלט פֿון

5 חוה טורניאַנסקי, גליקל, זכרונות 1691—1719, ירושלים 2006.

# A Touch of Grace

Presented to Chava Turniansky



The Zalman Shazar Center
for Jewish History

Center for Research on Polish Jewry
The Hebrew University